גוט שבת אלע אידן. אין תרס"ח איז די קעניגין "ווילהעלמינע" פון הולאנד געפארן אויף א קורצע וואקאציע קיין מאריענבאד, א באקאנטען טוריסטען שטאט אין אייראפע. ווייבאלד אז עס איז נישט געווען קיין אפיציעלע באזוך, איז די קעניגין געפארן נאר מיט אפאר דינסטען. ווי אויך איז נישט געווען קיין געהעריגע קבלת פנים ביים באן סטאציע ווען די קעניגין איז אריינגעקומען מיט דעם באן קיין מאריענבאד.

בשעת די קעניגין איז אראפגעגאנגען פונעם באן, האט זי באמערקט א גרויסע גרופע אידן ווארטן ארום דעם פלאץ וואו דער באן קומט אריין. עס האט אויסגעקוקט ווי די מענטשן זענען געקומען מקבל פנים זיין א חשובען מענטש.

די קעניגין האט געפרעגט איינער פון איר משרתים אויף וועמען ווארט די גרויסע גרופע מענטשן? איר דינסט האט איר געענטפערט אז דער מונקאטשער רבי רב צבי הירש שפירא זצ"ל קומט באלד אן. אסאך חסידים פונעם רבין זענען טאקע געקומען צום באן סטאציע מקבל פנים צו זיין זייער הייליגן רבין.

די גויאישע קעניגין האט נישט געוואוסט וועמען דעם רבי איז, און בכלל האט זי נישט געוואוסט וואס א רבי איז. אבער לויט וואס זי האט געזען, האט זי פארשטאנען אז א רבי איז איינעם וואס אידן זענען מכבד אזוי ווי א מלך. אירע דינסטען האבן מסביר געווען פאר איר אז א רבי איז גאר א הייליגער חכם וואס טויזנטע מענטשן קומען צו אים בעטן ברכות און עצות וועגן אלע מיני זאכן אין לעבן.

ווען די קעניגין האט געהערט אז דער רבי האט רוחניותדיגע כוחות, האט זי גלייך געטראכט וועגן איר אייגענע מצב, ווייל זי איז געווען דעמאלט קינדערלאז. די קעניגין און איר מאן האבן מורא געהאט אז דאס הולאנדישע קעניגרייך וועט נישט האבן קיין המשך פון זייער משפחה. אן קינדער, וועט דאס קעניגרייך ענדיגען מיט דער קעניגין ווילהעלמינע. די קעניגין האט אלעס דורכגעטראכט בשעת זי האט אנגעקוקט ווי מען האט באגלייט דעם רבין מיט גרויס כבוד ארויס פונעם באן סטאציע. נאכדעם האט זי פארלאזט דעם באן סטאציע מיט אירע משרתים.

שפעטער אינעם טאג, האט די קעניגין געבעטען אז מען זאל ערלעדיגען א פריוואטע פגישה מיטן מונקאטשער רבין. די נעקסטען טאג אין דעם אוונט איז דער רבי געפארן צו א שיינע פארק לעבן דעם שטאט. דער רבי איז געקומען מיט צוויי בחורים, און די קעניגין האט געברענגט צוויי דינסטען.

ווען דער רבי האט זיך אראפגעזעצט, האט די קעניגין געשפירט אז דער מענטש וואס זיצט קעגן איר איז א חשובער מענטש. זי האט גלייך אנגעהויבן צו רעדן פון די גרויס צער וואס זי האט צוליב איר נישט האבן קיין קינדער. דער רבי האט אלעס צוגעהערט און דאן האט ער געזאגט פאר די קעניגין אז זי דארף נישט זארגן, ווייל איר קעניגרייך וועט נישט ענדיגען "כי יבא שילה" (בראשית מט,י) ד"ה, די קעניגין וועט האבן אפשטאמלינגען (צאצאים) ביז משיח וועט קומען. די קעניגין האט זיך געפרייט מיט דעם רבינס "ברכה."

די נעקסטע יאר אין תרס"ט, איז געבוירן א מיידל בייבי צו דער קעניגין. זיי האט געגעבן דעם נאמען "דזשוליאנע." עס איז געווען די איינציקסטע קינד וואס די קעניגין האט געהאט אין איר לעבן. (39 יאר שפעטער אין תש"ח, איז דזשוליאנע געווארן די קעניגין פון הולאנד, איר טאכטער "ביאטריס" איז די היינטיגע קעניגין פון הולאנד.)

...אביסל מער ווי 30 יאר נאך די פגישה צווישן די קעניגין און דעם רבין, האט זיך אנגעהויבן דעם צווייטן וועלט מלחמה. איינער פון די אידן וואס איז געכאפט געווארן אין דעם דייטשן נעץ איז געווען א איד וואס האט געהייסן ר' יעקב צבי כ"ץ. יעקב צבי איז געווען א חסיד פונעם מונקאטשער רבין. אין מיטן די מלחמה איז ר' יעקב צבי נעבאך געשיקט געווארן קיין בערגען בעלזען וואו ער האט פארלוירן א גרויס טייל פון זיין משפחה, הי"ד. פאר די מלחמה האט ער אראפגעשריבן זיינע חידושים אויף הלכה, ליידער זענען 12 בענדער פון זיינע שרייבונגען פארברענט געווארן.

נאך די מלחמה איז ר' יעקב צבי צוריקגעגאנגען צו אונגארן וואו ער האט געוואוינט פאר די מלחמה. דארט האט ער געזען אז די אידן האבן נישט קיין פלאץ אין אונגארן, ווייל אלעס איז חרוב געווארן. אין די טעג האבן אסאך אידן פרובירט צו גיין וואוינען אין הולאנד, וואו זיי האבן געהאפט צו קענען אנהייבן צו בויען א פרישען לעבן. ר' יעקב צבי האט פרובירט צוויי מאל, אבער זיי האבן אים נישט געוואלט לאזן אריינקומען אין הולאנד. דעמאלט האט הולאנד נאר געלאזט אריינקומען די אידן וואס האבן געהאט א פאך וואס די מדינה האט געדארפט פאר די עקאנאמיע. עס זענען שוין געווען גענוג רבנים אין הולאנד.

איין טאג האט ער זיך מיישב געווען אז ער גייט שיקען א בריוו גלייך צו די קעניגין פון הולאנד, די זעלבע קעניגין וואס האט זיך געטראפן מיט דעם מונקאטשער רבין עטליכע 37 יאר פריער.

אין דעם בריוו, האט ר' יעקב צבי מסביר געווען פאר די קעניגין וועגן די שוועריגקייטן וואס ער האט איבערגעלעבט אין די מלחמה יארן. ער האט געשריבן אין דעם בריוו אז לכאורה געדענקט די קעניגין די זייער וויכטיגע פגישה וואס זי האט געהאט מיט זיין רבין, ווען דער רבי האט איר פארזיכערט די המשך פון איר משפחהס קעניגרייך אין הולאנד.

ר' יעקב צבי האט מפרט געווען פונקטליך די פגישה וואס איז געשען דעמאלט אין מאריענבאד. ער האט אויך דערמאנט אין דעם בריוו אז דער רבי האט פארלאנגט אז צוויי בחורים זאלן אים באגלייטן צו דער פגישה. דער רבי האט געדארפט א מתרגם ווייל די קעניגין וועט רעדן דייטש, א שפראך וואס דער רבי האט נישט פארשטאנען. "איך בין געווען איינער פון די בחורים וואס האט באגלייט דעם רבין דעמאלט ביי דער פגישה. און איך בין געווען דער וואס האט איבערגעגעבן די גוטע בשורה פון מיין הייליגן רבין אז די קעניגין וועט האבן א קינד אינטער א יאר!"

דער בריוו וואס ר' יעקב צבי האט ארויסגעשיקט צו דער קעניגין איז געשריבן געווארן אין אידיש. כאטש אפילו ר' יעקב צבי האט געקענט עס שרייבן אין דייטש, האט ער מורא געהאט אז טאמער איינער פון די קעניגינס דינסטען וועט כאפן דעם בריוו, וועט עס נישט אנקומען צו דער קעניגין. וועגן דעם האט ער געשריבן דעם בריוו אויף אידיש. ווען דער בריוו איז טאקע אנגעקומען, האט מען פון דעם פאלאץ גערופן א איד צו קומען ליינען דעם בריוו. דער איד איז געווען אן אלטער רוסישער איד וואס האט געהייסן ראבינאוויץ, וואס איז געווען א חזן אין דעם שול אין "די העג", די שטאט וואו די קעניגינס פאלאץ איז געווען. דער חזן האט פארשטאנען דעם וויכטיגקייט פונעם בריוו, צוליב דעם האט ער אריינגעלעגט אלע כוחות אין איבערזעצן דעם בריוו אויף אן אופן וואס וועט משפיע זיין אויף די קעניגין דאס מערסטע.

נאכדעם וואס די קעניגין האט געליינט דעם בריוו, האט זי גלייך ערלעדיגט ר' יעקב צביס אריינקומען קיין הולאנד, וואו ער האט געקענט אנהייבן צו בויען נאכאמאל זיין צובראכענע לעבן.

מען זעט פון דעם מעשה דעם כח וואס א איד האט צו מאכן א קידוש ה' צווישן די גוים. דורך טון דעם רצון ה' קען א איד אייביג מאכן א קידוש ה'. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "כי תשמר את מצות ה' אלקיך והלכת בדרכיו. וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך." ד"ה, ווען מען איז מקיים די מצוות, דעמאלט זען די גוים אז דער הייליגער נאמען פונעם אייבערשטען רוט זיך אויף דעם אידישן פאלק. ווען א איד פירט זיך אויף אזוי ווי דער מונקאטשער רבי זי"ע האט זיך אויפגעפירט, דעמאלט וועט זיין פנים שיינען און ער וועט ווערן אן "אור לגוים." אין אמתן אריין, האט יעדער איד דעם חיוב צו מאכן א קידוש ה' ווען ער געפינט זיך צווישן גוים. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו די ווערטער פון פסוק, "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך."

**גוט שבת אלע אידן.**

**תזכור המגבית השנתית באׄ סליחות למוסדות בירושלים עיה"ק צדקת רבי מאיר בעל הנס *** כוח"ט ושנת מתוקה**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של ר' נתן בן רבקה, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845) דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:) מדה טוב מרובה! אויב מ'רעדט דברי תורה און תפילה אין שול איז מען מוסיף חיים, "כי הם חיינו ואורך ימינו..."